דער אינזל נומ׳ ד (מײַ 1925)

ר. אייזלאנד:

# קונסט און פראפאגאנדע

אין אנהויב איז געווען דער געשריי — דער אויסדרוק פון דעם יחיד׳ס צער און שרעק. און ווען די געשרייען פון עטלאכע האבן זיך באהעפט אינאיינעם איז אנטשטאנען דער טאנץ, וואס האט געבוירן ווי פרייד — די מוטער פון אלע קונסטן.

* * *

דער וועג פון דער קונסט איז פון אפלאכונג צו אפלאכונג דורך באוואונדערונג, הכנעה און אנטציקונג. פאראן קינסטלער וואס מאכן דורך דעם גאנצן וועג אליין. פאר די איבעריקע טוען דאס די עפאכן און שולן.

יעדע נייע קונסט־עפאכע הייבט אן און דעגענערירט אין אפ־לאכונג. ביים אנהויב לאכט זי פון א פריהערדיגע, ביים סוף פון זיך אליין. דער אנהויב פון יעדער נייער עפאכע איז דער סוף פון איר פארגייערין.

* * *

דער קינסטלער איז קיינמאל ניט קיין נביא. ווייל נביא זיין מיינט קעמפן פאר א פאראויס באשטימטן אמת, וואס מוז גילטן פאר אלעמען, און קינסטלער זיין מיינט אלעמאל זוכן נייע אמת׳ן, וואס דארפן פריער פאר אלץ באפרידיקן אים אליין. דער נביא איז מאגאטעאיסט, דער קינסטלער פאליטעאיסט.

* * *





דער אויפריכטיקסטער שונא פון דער קונסט איז דער נביא. דער גרעסטער באוואונדערער פון נביא איז דער קינסטלער.

* * *

בלויז איין זאך איז ביי ביידן אייגן: ביידע זוכן זיי א תיקון פאר׳ן לעבן. דער נביא דורך זיין איינציקן אמת. דער קינסטלער דורך אלע זיינע אמת׳ן, אפילו דורכ׳ן נביא ווען ער ווערט פאר אים אן אמת.

* * *

ווען דאס פאלק ישראל איז געווארן מאנאטעאיסטיש איז עס געווארן פיינדלאך צו יעדער קונסט. „לא תעשה לך פסל . . .״ איז דער וויכטיקסטער פון אלע געבאטן.

דער גייסט פון נבואה האט זיך שוין לאנג אפגעטאן פון אונז אידן. די שנאה צום בילד איז אבער פארבליבן אין בלוט ביז אויפ׳ן היינטיקן טאג. דעריבער זיינען מיר אזוי אומקינסטלעריש ווען אפילו מיר רעדן וועגן קונסט.

* * *

ווי אלע ניט קינסטלערישע מענטשן קענען מיר ניט פארשטיין אז יעדע ערשיינונג האט זיך איר אייגענעם זכות הקיום, נאר מיר מוזן איר געבן עפעס א פונקציע. זי מוז דוקא דינען עפעס אונזערן א תכלית. ווען ביי אונז האט זיך אנגעהויבן ווייזן א ליטעראטור האט זי געמוזט דינען דער „הימלישער טאכטער״ השכלה; שפע־טער — סאציאלע און נאציאנאלע אידעאלן, און היינט — דער וועלט־איבערקערעניש, משיחיזם און דעם גייסטלאזסטן פון אלע גייסטיגע פארזעענישן: דעם אידישיזם.

* * *

א גרויסער טייל פון אונזער היינטיקער ליטעראטור איז ניט מער ווי א פארזעעניש פון אונזער אכיאליקער אלעגאריע. אלס „אויפ־געקלערטע״ מענטשן, „ווייסן״ מיר שוין, אז שיר השירים איז ניט מער ווי א זאמלונג פון אלטע העבראישע ליבע־לידער. אין אונזער קונכט־אויפפאסונג זיינען מיר אבער די געזעצליכע יורשים פון אונ־זער זיידעס וואס האבן געוואוסט, אז דער שיר השירים איז א הייליקער משל אויף דער כנסת ישראל מיט דער שכינה. אויף אזא אופן פראפאנירן מיר אי די הייליקייטן פון אונזערע אבות און אי די הייליקייט פון דער קונסט.

* * *

כדי דער גאט־באגריף זאל ווערן ליבעריס מוז ער איינגעהילט ווערן אין די קליידער פון אלעגאריע. כדי די קונסט זאל ניט פאר־

שוועבט ווערן, מוז מען זי לאָזן נאַקעט. יעדע זייטיקע כונה וואָס ווערט אריינגעטייטשט אין אַ קונסט־ווערק איז פּראָפּאַנאַציע.

*   *   *

ביז מען וועט ביי אונז ניט וויסן, אַז אַ וואָרט אין אַ ליד איז ניט מער ווי דאָס וואָס עס זאָגט, וועט ביי אונז ניט זיין קיין פאַרשטענדעניש פאַר פּאָעזיע.

*   *   *

ווען מען וועט אויפהערן זוכן ביי אונז רמזים, וועט מען ערשט דעמאָלט זען ווי מיסטיש עס איז דאָס וואָרט אין זיין הוילער נאַקעטקייט.

*   *   *

ווען עס פעלט דער חוש פאַר דעם לעבעדיקן וואָרט, ווערט גענבוירן די אָנגעשוואָלענע מליצה; ווען עס פעלט דער חוש פאַר אמת׳ער שיינקייט, צירט מען זיך מיט אָנגענומענע שיינקייטן; ווען עס פעלט דער זין פאַר׳ן סוד פון לעבן, קלערט מען אויס מיסטיפיקאַציעס. און ווען עס פעלט די באַהעפטונג צו דער וועלט, לייגט מען איין וועלטן וועגן קאָסמאָס.

*   *   *

פאַראַנען קינסטלער וואָס מוזן דווקא האָבן אַ לייטער, וואָס זאָל זיי פירן אין הימל אריין. פאַר אַנדערע איז גענוג אַ קליין ווערעמיל זאָל זיי באַהעפטן מיט דער ערד. און ווידער פאַר אַנ[illegible]ע איז די קלענסטע קלייניקייט דער פּעגאַז, וואָס טראָגט זיי אויף זיין רוקן איבער אַלע וועלטן. אין קיינער האָט נאָך ניט אויסגעמאָסטן, וועלכער וועג איז דער קירצסטער.

קאַרל סאַנדבורג באַהעפט זיך מיט דער וועלט דורך אַ שמיקל פּאַפּיר, וואָס ער געפינט אין גאַס. מאַני לייב דורך אַ ווייס רויכל וואָס גייט פון אַ קוימען.

*   *   *

אַלץ קען דינען דעם קינסטלער פאַר זיין טעמאַ. ווען דאָס ווערק איז אָבער געשאַפן, לעבט עס ניט מער אין זכות פון דער אידייע אָדער געפיל, וואָס האָבן עס ארויסגערופן, נאָר אין זיין אייגענעם זכות. בלויז די ניט קינסטלערישע סענטימענטאַלע דייטשע בחורים און מיידלאַך זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איבער געטהע׳ס „ווערטער"; בלויז די ניט קינסטלערישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אין די מייסטער פון דער רוסישער נאָוועלע געזען בלויז דעם הומאַניטאַרן אָדער, און נאָר די ניט קינסטלערישע נאָכלויפער פון מאָדערנעם עקספּרעסיאָניזם זעען ב ל ו י ז דאָס אין וואָלט וויטמאַן.

*   *   *





ווען מען לייענט ביי אונז די נאַרישע דיסקוסיעס וועגן פאָרם און אינהאַלט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז פאָרם איז עפּעס אַ מין זעלבשטענדיקע כלי, וואָס אַז מען וויל קען מען זי אָנפילן מיט וויין און וויל מען גיסט מען זי אָן מיט וואַסער, און זיי ווייסן ניט, די טפשים, אַז דער זאַפט באַשאַפט די פאָרם פון דער [illegible]רויב.

*   *   *

נאָר דעמאָלט קען מען זאָגן אויף אַ ווערק אַז ס׳פאַרמאָגט פאָרם, ווען אַלע איינצלנע באַשטאַנדטיילן זיינען אונטערוואָרפן דעם קינסטלערישן ענדציל.

*   *   *

געבן אַ זאַך פאָרם, מיינט צווינגען זי אָנצונעמען איר אייגענע געשטאַלט.